מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **מטות - מסעי** תשפ"ב ◆ עלון מס': **94**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### א מתנה פול מיט חסד

עס איז אוממעגליך צו פארגלייכן דער פארמעסט פון איינער וואס האט אלע זיינע יארן געלעבט בצמצום און זיך מסתפק געווען במועט, צו דער וואס האט געלעבט ברייט און ווי אן עושר אבער איז נעבעך געווארן א יורד מנכסיו און האט פארלוירן זיין גאנצער פארמעגן.

דער וואס האט קיינמאל נישט געהאט איז שוין געוואוינט צו לעבן בצימצום, אבער דער געוועזענער עושר קען זיך נישט צוגעוואוינען צו זיין מצב. יעדער שטיק צייט קומען ארויף ביי אים די זכרונות, ער דערמאנט זיך פון די צייטן ווען ער האט געלעבט בהרחבה גדולה.

וויאזוי פארמעסט מען זיך מיט אזא שווריגקייט? אויך דערפון רעדט דער רבי ארום אין חובת הלבבות. ביים ענדע פון די פתיחה אין שער הבטחון זאגט דער רבי **ואם יאבד הממון ממנו, לא ידאג ולא יאבל לחסרונו, אך הוא מודה לאלקיו בקחתו פקדונו מאתו, כאשר הודה בנתינתו לו.**

אין איוב טרעפן מיר אז ער האט געזאגט השם נתן, השם לקח, יהי שם השם מבורך. דער שם השם איז מרמז אויף חסד, ווייל סיי די נתינה און סיי די לקיחה איז איין שטיק רחמים.

דער סדר אין די וועלט איז, אז ווען א איד באקומט פון איינעם טויזנט דאלער איז ער נישט חושד אז עס איז דא געווען א טעות! אז מען האט זיך מעגליך טועה געווען מיט זיין שכן דער צדיק וועלכער שטייט אויף יעדן טאג ותיקין, אבער ווען עס געשעט די פארקערטע און עס קומט אים אן א שאדן ווערט ער צוגעלייגט, ער הייבט אן טראכטן פארוואס קומט עס מיר? אלעמאל געשעט עס נאר ביי מיר.

צי איז דען דא א הבדל אין די השגחת הבורא צווישן די נתינה און די לקיחה? צי האט דען דער איד א ספק אז די געלט האט זיך א רוק געגעבן פון איין פלאץ צו די אנדערע פון זיך אליין? און אויך אויף דעם זאגט מען אז סיי ווען עס איז 'נתן' און סיי ווען עס איז 'לקח' איז שם השם מבורך.

דער באר מים חיים אין פרשת חיי שרה ברענגט א שיינער משל [פסוק לה] און שטארקט די אידן וואס דערלייגן געלט, מיט א משל וואס ווערט געברענגט אין ילקוט שמעוני רמז שצ"ח רב חסד ואמת.

ער הייבט אן מיט דער יסוד וואס חז"ל זאגן אז אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחילה, אז ווען עס איז ליידער דא אויף א מענטש דינים וועט דער בעל הרחמים נישט גלייך פוגע זיין אין דער נפש, נאר ערשט וועט ער זוכן נאך רכוש און צונעמען פון אים די רכוש.

זאגט ער אבער, וואס געשעט ווען א מענטש האט נישט קיין רכוש אין וואס מען קען פוגע זיין? זאגט דער מדרש א מורא'דיגע זאך. פון הימל וועט מען אים געבן רכוש אז ער זאל עס שפעטער קענען צונעמען פון אים און נישט דארפן פוגע זיין אין אים אליין.

משל למה הדבר דומה, צו א גוטער קעניג וואס האט פארבארגט פאר זיין ידיד גרויס געלט פון זיין מלוכה אויף א באשטימטער צייט. די צייט צו באצאלן איז אנגעקומען און דער קעניג ווייסט אז דער ידיד האט נישט צו באצאלן. ער וויל אים אבער נישט דארפן באשטראפן וואס טוט דער קעניג? ער ווארפט אונטער פאר'ן ידיד געלט ער זאל האבן צו באצאלן די געלטער.

עס קומט אויס א מורא'דיגער זאך. דער ידיד פריידט זיך מיט די מציאה, ער וויל עס נישט אפגעבן פאר'ן קעניג, אבער ער מוז עס אפגעבן, ער מיינט אז עס איז זיין געלט, אבער בעצם איז עס געלט פון דעם קעניג, ער זאל קענען באצאלן די חובות פאר'ן קעניג.

אזוי פירט זיך השי"ת מיט זיין פאלק אז אויך ווען ער נעמט אוועק איז עס חסד ורחמים און עס קומט פון גוטסקייט.

[ארויסגענומען פון שיעור 18 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### די עצה פון דוד המלך

טאג טעגליך זאגט יעדער איד דער הייליגער מזמור לתודה און לויבט השי"ת על כל הטוב.

דוד המלך זאגט: עִבְדוּ אֶת ה' בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו בִּרְנָנָה.

שטעלט זיך די שאלה, וויאזוי קען א איד זיין בשמחה און קומען צו השי"ת ברננה?

דער ענטפער דערויף געט דוד המלך ווייטער אין דער מזמור. ער זאגט אונז דעו און דא הייבן זיך אן די זיבן יסודות פון דער חובת הלבבות זיך משתלב צו זיין אין די ווערטער פון דוד המלך.

דער ערשטער יסוד ליגט אין די ווערטער:

**דְּעוּ כִּי ה' הוּא אֱלֹקִים.**

דער באשעפער איז זיך מרחם אויף יעדער איד, מער ווי א מענטש קען בכלל רחמנות האבן אויף א צווייטן. דער שם הוי"ה ווייזט אויף רחמים. דער שם אלקים ווייזט אויף דינים, אויף די שוועריגקייטן וואס א מענטש גייט אריבער.

דער מענטש גייט אריבער שוועריגקייטן. ער פרעגט פארוואס קומט עס מיר? זאגט אים דער פסוק דעו - וויסן זאלט איר כי השם הוא אלקים אז אויך די אלקים קומט פון רחמים ווייל השי"ת איז דער גרעסטער רחמן פון אלע בעלי רחמנות אויף די וועלט.

דער צווייטער יסוד איז:

**הוּא עָשָׂנוּ.**

השי"ת האט באשאפן דעם מענטש, ער ווייסט וואס עס איז דער בעסטער פאר'ן מענטש.

דער חובת הלבבות געט צו פארשטיין דער יסוד אז אזוי ווי בגשמיות וועט דער וואס באשאפט א זאך זיין דער וואס וועט וויסן די בעסטע וואס עס איז גוט פאר דער זאך און וואס נישט, אזוי אויך ווייסט השי"ת, דער באשאפער פון דער מענטש, וואס איז גוט פאר'ן מענטש בעולם הזה ובעולם הבא.

דער דריטער יסוד ליגט אין דער:

**וְלֹא אֲנַחְנוּ.**

אין דעם יסוד שטייט אז הקב"ה איז שטערקער פון די שטערקסטע זאך אויף די וועלט, אז נאר ער איז דער כל יכול, ולא אנחנו, מיר קענען נישט טון גארנישט.

דער פערטער יסוד איז:

**עַמּוֹ וְצֹאן מַרְעִיתוֹ.**

אז גארנישט איז נישט פארהוילן פון השי"ת. ווען מען טראכט אריין איבער די שעפסעלע וואס פאשעט אין די פעלד, ווי גוט דער פאסטוך זעט אים, וויאזוי ער ווייסט וואו ער גייט, וואס ער עסט און וואס ער דארף, זעט מען דא די נקודה.

דער פינפטער יסוד ליגט אין די ווערטער:

**בֹּאוּ שְׁעָרָיו בְּתוֹדָה חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה הוֹדוּ לוֹ בָּרְכוּ שְׁמוֹ.**

אין די ווערטער באהאלט זיך דער געדאנק אז ווען א מענטש ווייסט אז נאר השי"ת געט און נאר ער קען, דאנקט ער נאר השי"ת און בענטשט נאר זיין הייליגער נאמען. ער דאנקט 'לו' נאר צו אים.

דער זעקסטער יסוד ליגט אין די ווערטער:

**כִּי טוֹב ה' לְעוֹלָם חַסְדּוֹ**

אז דער באשעפער'ס חסד פאר'ן מענטש איז שטענדיג און אייביג, גלייך פון ווען ער איז געבוירן געווארן, אפילו אז דער מענטש איז נישט ראוי דערצו און ווי די משמעות פון 'לעולם חסדו', אז זיין חסד איז אויף אייביג, עס שטעלט זיך קיינמאל נישט אפ.

דער זיבעטער יסוד ליגט אין די ווערטער:

**וְעַד דֹּר וָדֹר אֱמוּנָתוֹ.**

אז די וועגן פון השי"ת זענען פארהוילן און פארבארגן פון אונז, מיר קענען נישט צולייגן צו איר גארנישט, נישט מקדים זיין דער מאוחר און נישט מאחר זיין דער מקדים. מיר האבן א שטארקע אמונה אין זיינע וועגן און די אמונה האט אונז געהאלטן אין אלע דורות.

חז"ל זאגן אז ווען מען זאגט מזמור לתודה זאל מען עס זאגן בנגינה און אזוי ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך [סימן נא] אז אלע שירים וועלן בטל ווערן לעתיד און נאר מזמור לתודה וועט בלייבן.

און אז מען זאגט עס מיט די דערמאנטע כוונות איז זיכער אז מען איז אויך מקיים די ווערטער פון שלחן ערוך.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 ● פון אמעריקע 151-86-130-140 ● פון ענגלאנד 0-330-3900-489 ● פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 ● פון ארגענטינע 3988-4031 ● פון אוקריינע 380-947-100-633
● פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

**וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין**

## ווער איז דער אמת'ער שופט?

מיין מעשה גייט צוריק צו איין און א האלב יאר פריער.

עס איז געווען א געווענליכער נאכט אין די שטאט ביתר. עס איז נישט געווען צי שפעט ביינאכט און אויך נישט צי פרי ווען איך בין געווען אויפ'ן וועג אהיים פון א געוויסער ארט אין ריכטונג פון מיין שטוב.

איך האב געהאלטן אינמיטן דרייוון מיט מיין קאר, ווען מיטאמאל זעה איך פאר א שרעקעדיגע סצענע. קעגן מיר קומט צופארן א באס מיט די גרעסטע אימפעט און פארט אויף די פארקערטע ריכטונג וואו ער דארף נארמאל פארן און עס פעלט א האר אז ער זאל אפטרעטן מיר מיט מיין קאר.

אין די לעצטע רגע האב איך זיך צוריקגעכאפט און פארקירעוועט מיין קאר אין א זייט און געטראפן שוץ אונטער א מיניווען וואס איז דארט געשטאנען.

מען האט נישט געדארפט זיין קיין גרויסער מבין איינצוזען אז דער דרייווער איז נישט אין ארדענונג. זיין ווילדער פארעריי האט געגעבן דער איינדרוק אז ער איז אנגעטרינקען אדער צומישט. איך האב זיך געראטעוועט אבער מיין קאר האט ער נישט אפגעשוינט, עס האט געכאפט א גוטער זעץ און ארויס גוט צוזעצט פון די מעשה.

זעענדיג דאס בין איך ארויסגעלאפן פון מיין קאר און אנגעהויבן נאכלויפן דער באס שרייענדיג צו אים אז ער זאל זיך בארואיגן און באהערשן, אבער אנשטאט אז ער זאל זיך בארואיגן האט ער אויסגעדרייט די קעיס אויף מיר שרייענדיג אז איך לויף אריין אין די גאס און מיר באשולדיגט אז עס איז מיין שולד.

עס איז שוין געווען אין די נאכט שעה'ן. וויסנדיג אז די פירמע איז שוין פארשלאסן האב איך אויסגעווארט ביז צופרי און צומארגענס האב איך אריינגעקלינגען צו די פירמע און זיך באקלאגט אויף דער דרייווער און אויף די שאדן וואס דער דרייווער האט מיר געמאכט.

די פירמע האט געהייסן אז איך זאל אריינשיקן אלע מיינע דעטאלן און אלעס ארויסשרייבן קלאר און זיי וועלן צוריקקומען צו מיר. ווען איך ווייס ווען וואס זיי גייען טון מיט די דעטאלן וואלט איך געטראכט צוויי מאל צי איך זאל עס אריינשיקן, אבער איך בין דאך נישט קיין נביא און איך בין געווען תמימות'דיג איבער די ארענטליכקייט פון די פירמע און איך האב זיי געפאלגט און אריינגעשיקט צו זיי אלע מיינע דעטאלן, ווער איך בין, וואס איז מיין טענה און אזוי ווייטער.

פון יענער טאג איז אריבער עטליכע חדשים. די פירמע האט זיך נישט געלאזט הערן. זעענדיג אז זיי קלינגען מיר נישט אן האב איך זיי אריינגעקלינגען און זיך אינטערעסירט וואס טוט זיך מיט די קלאגע וואס איך האב דא אריינגעגעבן מיט עטליכע וואכן צוריק.

"ערשטנס, איז דער דרייווער שוין מער נישט איינגעשטעלט ביי אונז, און אויסערדעם טענה'ט ער אז דו האסט אים אטאקירט און נישט אז ער האט אטאקירט דיין קאר".

די טענה האט זיך געהערט לעכערליך. זיין באס איז ארויס בשלימות ווען מיין קאר איז ארויס צוזעצט און צוקלאפט אבער אזוי ווי עס איז נישט געווען דארט קיין עדות, קען דאך יעדער זאגן וואס ער וויל.

זעענדיג די ריכטונג ווי דער זאך גייט האב איך געטראכט אז כ'גיי זיך אפלאזן פון דעם, אבער נאך איידער איך האב געהאט די געלעגענהייט זיך ארויסצוזען פון די פלאנטער איז אנגעקומען צו מיר אין שטוב א בריוו פון א לאיער מיט אן איינלאדונג צו קומען אין געריכט און עדות זאגן איבער די קעיס.

אין מיינע אויגן איז דער זאך געווען א קלייניגקייט. איך בין געווען זיכער אז איך וועל זיך קענען אין א גרינגער וועג פארטיידיגן. איך האב נאכנישט אנגעיאגט זיך צו גרייטן צו די געריכט ווען איך האב דערהאלטן א צווייטן בריוו.

דער צווייטער בריוו זאגט אז די געריכט האט שוין אפגעהאלטן די געריכט און אזוי ווי איך בין נישט געקומען צוגיין האט דער געריכט שוין געגעבן איר אורטייל, דער אורטייל איז אז איך מוז באצאלן פאר די געריכט אכט טויזנט שקל.

דא האב איך שוין פארשטאנען אז דער זאך איז נישט אזוי פשוט. איך האב זיך געוואנדן צו

## א הימלישע שמירה אויף מיין מאטאר ביציקל

עס דערציילט הרב אברהם לעווין:

די וועג פון מיין שטוב צום כולל אין די שטאט וואו איך וואוין איז א היבשער מרחק. קיין געלט צו קויפן א קאר האב איך נישט און נישט האבנדיג קיין געדולד פאר די טראנספארטאציע סיסטעמען האב איך זיך איינגעהאנדלט א מאטאר ביציקל מיט וואס איך פאר ארום פון איין ארט צו די אנדערע.

טאג טעגליך נוץ איך זיך מיט דער ביציקל צו פארן פון מיין שטוב ביז צו די שול און ווען איך קום אן אין שול בינד איך עס צו צום וואנט און כ'גיי אריין אין שול.

אויך יענער טאג האב איך געטון די זעלבע. נאכ'ן צובינדן די ביציקל צום א זייטיגער וואנט בין איך אריין אין שול און זיך געשטעלט דאווענען פאר'ן באשעפער. נאכ'ן דאווענען האב איך פון דארט ממשיך געווען אין כולל. עס איז שוין געווען צוועלעף אזייגער פארמיטאג ווען איך כאפ זיך ביים קאפ אז איך האב נישט מיינע שליסלען פון די מאטאר ביציקל.

נישט נאר איז עס נישט אויף מיר, איך האב עס בטעות איבערגעלאזט אריינגעשטעקט אין די ביציקל. דער באדייט דערפון איז אז טעראטיש קען ווער עס וויל אנכאפן די ביציקל און מאכן מיט איר פליטה.

עס איז נישט א ביליגע זאך, און די ערשטע מינוט האב איך געטראכט אז כ'גיי זיך אויפשטעלן פון מיין פלאץ און ארויסגיין זען וואס גייט פאר מיט איר.

איך האב זיך שוין געוואלט געבן א הייב אויף פון פלאץ אבער איך האב זיך דערמאנט פון א מעשה וואס איך האב אמאל געליינט איבער א ליובאוויטשער חסיד.

ומעשה שהיה כך היה: דער חסיד האט זיך דערמאנט האלטנדיג אינמיטן דאווענען ביי ויברך דוד, אז ער האט איבערגעלאזט זיין בערזל ביים טייך.

נו, וואס וועט זיין? מען קען דאך עס גנב'נען? האט דער חסיד אנגעהויבן ארויסגיין פון שול צום טייך, אבער נאכ'ן גיין אפאר טריט האט ער זיך אפגעשטעלט און זיך צוריקגעקערט אין שול און געענדיגט צו דאווענען.

נאכ'ן דאווענען האט מען אים געפרעגט פשט איבער דער יא גיין און דער צוריקציען, האט ער געענטפערט די פאלגענדע תשובה:

"אין די ערשטע רגע האב איך זיך געיאגט צו ראטעווען מיין בערזל, אבער א מינוט דערויף האב איך זיך געמאכט אזא חשבון. ממה נפשך, דער בערזל ליגט דאך אין רשות הרבים, בדרך הטבע האט מען עס שוין גע'גנב'ט. אויב נישט, איז דאך עס נאר ווייל השי"ת האט רחמנות געהאט אויף מיר, און אויב האט ער רחמנות געהאט אויף מיר, לאז מיר כאטש ענדיגן דאווענען.

די מעשה האט מיר געגעבן כח. איך האב ביי מיר געמאכט די זעלבע ממה נפשך. אויב פון זיבן אזייגער אינדערפרי ביז יעצט איז עס נאך דארט איז עס נאר ווייל השי"ת האט עס אפגעהיטן, און וואס וועט שוין העלפן אז איך וועל ארויסגיין אינמיטן סדר, לאמיר בעסערווארטן ביז סוף סדר, דעמאלטס וועל איך גיין קוקן וואס עס טוט זיך מיט דעם.

איך האב ממשיך געווען צו לערנען ביז איינסע מיטאג און נאר נאכדעם בין איך ארויסגעגאנגען קוקן וואס טוט זיך מיט מיין מאטאר ביציקל, און ברוך השם אז קיין איינער האט עס נישט געגלוסט, עס איז געבליבן שטיין דארט ווי פריער מיט די שליסל אינעווייניג, דער באשעפער האט עס אפגעהיטן פאר מיר.

## רבי שמעון איז ממליץ טוב פאר מיר

נאך לאנגע און שווערע הכנות צום גרויסן און הייליגן טאג ל"ג בעומר בין איך אנגעקומען קיין ארץ ישראל קיין מירון פון לאנדאן.

איך בין געקומען אליין, אבער אין מיין טאש זענען געלעגן צענדליגע קוויטלעך פון לאנדאנער אידן וועלכע האבן מיטגעשיקט מיט מיר זייערע קוויטלעך. די קוויטלעך האבן געהאט אין זיך א ספעציעלער באדייט. די אידן האבן זיך מקבל געווען א רייע פון קבלות וואס זיי גייען נעמען אויף זיך פון ל"ג בעומר ביז ראש השנה תשפ"ג.

אבער ווען איך בין אנגעקומען קיין מירון איז מיר פינסטער געווארן אין די אויגן. ווי עס איז באקאנט איז דער יאר ל"ג בעומר נישט געווען ווי אלע יארן. מען האט בלאקירט די פארקער און מען האט נאר געקענט אריבערגיין דורך די אזוי גערופענע שלאנג-ליניע און איך האב נישט געוואוסט וויאזוי געב איך זיך אן עצה מיט מיינע קוויטלעך.

איך האב זיך געשטעלט אין די רייע. איך האב געווארט ווי יעדן, און אינצווישן האב איך געזאגט תהלים בעטנדיג אז מיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן און אז די אידן וואס האבן מיר געשיקט זאלן האבן א ישועה.

נאך א לאנגער ווארטעריי בין איך אנגעקומען צום ציון אבער אריינקומענדיג אין די מערה איז געשטאנען דארט א פאליציאנט און מיר געיאגט אן אויפהער.

"שנעל, שנעל". האט ער געשריגן און מיר געיאגט.

"איך דארף אראפלייגן קוויטלעך אויפ'ן ציון", האב איך אים געזאגט.

"אוממעגליך". האט ער מיר געזאגט און געוויזן מיט'ן פינגער אז איך זאל ווייטער גיין אין מיין וועג.

"פארוואס איז עס אוממעגליך? דא איז רבי שמעון. מיר ווייסן אז רבי שמעון לכל! וויאזוי קומסטו און זאגסט מיר אז דא איז עס אוממעגליך"?

איבריג צו זאגן אז דער פאליציאנט האט מיר איגנארירט. אנשטאט דעם האט ער מיר געוויזן אז איך זאל ממשיך זיין צוגיין ווען ער געט מיר צו פארשטיין אז עס איז מיר נישט כדאי צו מאכן פראוואקאציעס דא.

איך האב זיך נישט געקענט קאנצעטרירן. די קוויטלעך זענען געבליבן ביי מיר און ביז געציילטע מינוטן האב איך זיך געטראפן שטיין אינדרויסן פון די מערה.

ווען איך אין ארויסגעקומען האב איך זיך באגעגנט מיט א איד וואס האט געטיילט קאלטע געטראנקען. עס האט מיר ממש דערפרישט אז איך האב גענומען פאר מיר עטליכע. אראפגייענדיג די בארג באגעגן איך זיך מיט איינער וואס גייט אנגעטון אין מונדירן און ער זעענדיג ווי איך האלט אין מיין האנט קאלטע טרינקען געט מיר א פרעג פון וואו איך האב עס?

איך זאג אים אז איינער טיילט עס.

"צי ווילסטו איינס"?

איך האב אים דערלאנגט א קאלט פלעשל טרינקען, און ער אלץ הכרת הטוב געט מיר א פרעג צי איך וואלט ווען געוואלט ארויפלייגן קוויטלעך ביים ציון פון רבי שמעון.

איך בין געווארן שאקירט. פון וואו ווייסטו אז איך האב ביי מיר קוויטלעך און אז כ'דארף עס אראפלייגן ביים ציון?

"איך ווייס נישט", האט ער געענטפערט, און צוגעלייגט אז קיין איינער האט אים נישט געזאגט דערוועגן.

"דו האסט מיר געגעבן קאלטע טרינקען וויל איך דיר צוריקטון א טובה".

זאג איך - זייער גוט, און איך האב אים דערציילט אז איך בין א שליח ציבור פון לאנדאן און איך טראג מיט מיר א גאנצער פעקל פון קוויטלעך פון לאנדאנער אידן וואס האבן זיך מקבל געווען א קבלה טובה, די אידן קוקן ארויס אז זייער קוויטל זאל אנקומען צום ציון.

"עס מוז זיין אז דו ביסט א שליח פון רבי שמעון".

דער פאליציאנט איז געווארן גערירט. א קלייניגקייט! ער איז א שליח פון רבי שמעון! אזוי רעדנדיג הייבט ער אן צו רעדן צו מיר אפענערהייט און זאגט מיר אז מען האט אים געשטעלט צו זיין איינער פון די וואס זאל טרייבן די אידן אין ציון אבער ער קען עס נישט טון! איך בין אוועק פון דארט בעטענדיג אז איינער זאל מיר איבערנעמען.

"איך קען נישט צוקוקן ווי מען טרייבט ארויס אידן פון רבי שמעון". און פאר דיר זאג איך, אז אויב דו ווילסט אראפלייגן די קוויטלעך אויפ'ן ציון, שטעל זיך נאך אמאל אריין אין די רייע און איך וועל דיר לאזן צוגיין צום ציון און אראפלייגן די קוויטלעך.

א מינוט דערויף האט ער אויסגעפירט מיט התרגשות אז אויב אידן האבן זיך אונטערגענומען גוטע קבלות וויל ער זיך אויך אונטערנעמען א קבלה טובה ביים ציון.

איך האב אים געפאלגט. פערציג מינוט שפעטער בין איך נאכאמאל געשטאנען אין די רייע. איך האב זיך טאקע באגעגנט מיט דעם איד און ער האט מיר געהאלפן צו צוגיין צום ציון. איך האב אראפגעלייגט דארט די קוויטלעך און מתפלל געווען פון טיפן הארצן.

איך האב געהאט ביי מיר א קלארע געפיל אז רבי שמעון האט מיר צוגעשיקט א שליח אז איך זאל קענען אהינגיין און זיך אויסבעטן אלעס גוטס און זיין א ריכטיגער שליח פאר די צענדליגע אידן וואס האבן מיר אהין געשיקט קיין מירון.

אן אדוואקאט. דער אדוואקאט האט ערשטענס צושטערט די ערשטע פסק און באשטימט א נייער געריכט.

די געריכט האט זיך געשלעפט און געשלעפט ביז ווען עס איז ענדגילטיג פארגעקומען מאנטאג פרשת חוקת.

א נאכט בעפאר די געריכט קלינג איך אריין אין דער 'השגחה פרטית' האטליניע און איך הער אויס דער שיעור נומער 22 פון ר' דוד.

פארוואס עפעס דער שיעור? ווייס איך אויך נישט, אבער אזוי האט מען געפירט פון הימל. ביי דער שיעור שפיר איך ווי ר' דוד רעדט ממש צו מיר פריוואט. ער האט אנגעהויבן מיט די ווערטער פון דער חובת הלבבות אז השי"ת דאגה'ט פאר א מענטש נאך מער ווי דער מענטש דאגה'ט פאר זיך אליין.

איך האב נישט אראפגעלייגט דער טעלעפאן ביז ווען איך האב געענדיגט דער שיעור. ביים סוף האב איך זיך געשפירט אסאך רואיגער און געלאסענער. איך האב זיך געטרייסט אז עס זעט מיר אויס ווי עס איז שלעכט אבער באמת האב איך נישט וואס צו זארגן, דער באשעפער זארגט שוין פאר מיר.

איך האב אראפגעלייגט דער טעלעפאן און זיך געשפירט ווי א צווייטער מענטש. איך בין געווען זיכער אז עס איז גארנישט. איך דארף נישט קיין לויער, קיין ריכטער, דער רבוש"ע איז מיט מיר און ער באגלייט מיר אויף טריט און אויף שריט. איך בין אין גוטע הענט!

צומארגענס בין איך אנגעקומען אין געריכט הויז. אין מיין האנט האב איך געהאלטן א חובת הלבבות. איך האב אנגעיאגט צו לערנען אסאך ביז ווען עס איז אנגעקומען מיין רייע אז איך זאל קענען זאגן וואס איך האב צו זאגן.

ווען עס איז אנגעקומען די מינוט און די געריכט האט געבעטן אז איך זאל פארלייגן מיינע טענות, האב איך פון די ערשטע מינוט געשפירט ווי איך רעד צו א וואנט. מיינע טענות זענען אריין אין איין אויער און ארויס פון די צווייטע. עס האט נישט געמאכט די מינדעסטע איינדרוק אויף דער ריכטער. אנשטאט דעם האט מען מיר אנגעהויבן באפאלן מיט אלע ערליי מאדנע שאלות וואס האבן נישט קיין שייכות מיט די נושא און וויפיל איך האב פראבירט צו ערקלערן אז די אלע שאלות און עצות איז גוט אין געריכט אבער נישט ווען דו מוזט זיך פארמעסטן מיט א שיכור'ער דרייווער, האט עס נישט געהאלפן.

איינס פון די טענות איז געווען אז איך וואלט געדארפט פארן אויף צוריקציוועגס. די זאך איז אז ווען איך וואלט עס ווען געטון וואלט איך שוין מער נישט געווען דא אויף דער וועלט, אבער ווי באטאנט האב איך גערעדט צו א וואנט.

אין א געוויסער שטאפל, זעענדיג אז די זאך גייט נישט ווי אזוי איך וויל, האב איך זיך אנגעהויבן שטארקן מיט די ווערטער פון דער חובת הלבבות. איך האב זיך מחזק געווען אז נישט דער שופט מאכט דער זאך, נישט דער לאיער, אלעס וואס כ'זע דא איז אן אויגן פארבלענדעניש, עס איז נאר דא איין באשעפער אויף די וועלט און אויסער אים איז נישט דא קיין איינער.

עס איז אנגעקומען דער צייט ווען די געריכט נעמט אורלויב געציילטע מינוטן און גייט ארויסגעבן די אורטייל, ווען דער לאיער שארט זיך צו מיר און הייבט מיר אן אראפצולייגן די מצב.

"דו זעסט זיכער וואס דא גייט פאר. עס זעט נישט אויס גוט! דו גייסט ארויסגיין שולדיג. דו האסט פאר דיר צוויי אויסוועגן, דו קענסט בעטן מען זאל דיר געבן צו פארשטיין דער אורטייל אדער קענסטו איינגיין אויף אן אפמאך".

דער אדוואקאט האט אויסגעשמועסט די מעלות פוןביידע זייטן זאגנדיג אז איינגיין אויף אן אפמאך האט א מעלה אז מען קומט זיך אויס וועגן די געלט אבער דער ערשטער אויסוועג איז מער איינגעשטעלט, איך קען טאקע ארויסגיין ריין אבער אין די זעלבע צייט קען איך ארויסגיין שולדיג, איך זאל זיך אויסוועלן וועלכער איך וויל.

זייענדיג שטארק ביי די אמונה האב איך אפגעזאגט איינצוגיין אויף פשרות.

"איך ווייס אז איך בין גערעכט און דער באשעפער וועט מיר נישט פארלאזן".

פאר'ן לויער האט נישט געשמעקט מיין החלטה, אבער ער האט נישט געהאט מיט מיר קיין צווייטע ברירה. עס האט נאך געדויערט אביסל צייט ביז ווען דער ריכטער איז ארויסגעקומען און דערלאנגט דער אורטייל.

איך האב עס דורכגעליינט, עס איז געשטאנען דארט אז די געריכט נעמט אן די טענה אז יענער איז גערעכט, אבער דער כאפ איז געלעגן ביים אויספיר.

דער געריכט האט געשריבן אז יענער איז גערעכט אבער אזוי ווי איך האב גארנישט געטון, דארף איך נישט באצאלן גארנישט.

איך בין ארויס ריין פון יעדן געלט שאדן!

דער אדוואקאט האט נישט געקענט גלייבן וואס ער זעט. ער האט מיר מודה געווען אז ער איז שוין יארן אין די פעלד און אז קיינמאל פריער האט ער נישט געהאט אזא זאך.

איך, האב יא געוואוסט וואס עס גייט דא פאר, עס איז געווען פון הימל, מען האט מיר אפגעשוינט פון הימל, צוליב די אמונה.

# צוהערער פרעגן
## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**א מענטש וואס מוטשעט זיך זייער שטארק אויף פרנסה צי מעג ער נעמען אויף זיך א פרישער עול פון געלט פאר א דבר מצוה, ווי למשל צו מאכן א דזשענערעטער אויף שבת, אדער נאר איינער וואס האט א שטארקע אמונה מעג זיך אונטערנעמען אזא זאך.**

שאלה נומער 46

א.ב. רכסים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים זיין דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### די מצוה באצאלט צוריק

**הרב בנימין זאב פרידמאן פון בית שמש:** די גמרא זאגט [ביצה טז.] אז די מזונות פון א מענטש איז באשטימט פאר אים פון ראש השנה ביז יום כיפור, אבער די הוצאות פון שבת ויום טוב און די הוצאות פון תלמוד תורה פאר זיינע קינדער, גייט נישט אריין אין כלל. ביי זיי, אויב גיט ער מער איז מען אים מוסיף פון הימל. אויב גיט ער ווייניגער, באקומט ער אויך ווייניגער. דער ריטב"א אויפ'ן ארט זאגט אז דאס מיינט נישט נאר די דערמאנטע זאכן, נאר יעדע הוצאה של מצוה, איי פארוואס כאפט ער אן די משלים? ווייל זיי זענען מצוי. לויט דעם האט איר א תשובה צו אייער שאלה אז די מצוה וואס איר ווילט איז געוואונטשן צו קויפן.

**הרב יהושע לעווי פון ירושלים, הרב יהושע טורצ'ין פון בית שמש, הרב נחמן גאלדבערג פון ירושלים, הרב שמעון ראטמאן פון בית שמש, הרב יוסף בערקאוויטש פון בית שמש, הרב יוסף ניסים כהן פון ירושלים, הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** דו לייגסט פאר דיין שאלה אז דו ווייסט נאכנישט צי דו ביסט גענוג א גרויסער בעל אמונה צי דו קענסט אריינגיין אין אזא זאך, אבער דער זאך איז אז מען מוז נישט זיין אזא גרויסער בעל אמונה צי קענען אריינגיין אין אזא זאך. אויך דער וואס איז נישט קיין גרויסער בעל אמונה באקומט צוריק די געלט פון דעם, אזוי לאנג ווי ער גלייבט אין די זאך. בפרט ווען עס רעדט זיך פון א דזשענעראטער ווי אלע גדולי ישראל האבן שוין געזאגט אז אזא זאך באקומט מען צוריק פון הימל וכל המוסיף מוסיפין לו.

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** אויב דער זאך גייט דיר אין לעבן און דו טוסט עס נישט נאר ווייל אנדערע טוען אזוי וועט די הוצאה דיר צוריקברענגען די שפע אין דיין פריוואטער לעבן. א גוטער סימן דערצו איז זיך צו מעסטן צי ווען דו האסט געלט צי דו וואלסט עס אויסגעגעבן דערפאר בשמחה רבה.

### א הלוואה לצורך מצוה

**הרב נתן הלוי פון ביתר עילית, הרב שניאור זלמן שובקס פון בני ברק:** פון דיינע ווערטער איז משמע אז דו ווילסט נעמען א הלוואה לצורך מצוה. עס זעט אויס ווי די שאלה איז א שאלה וואס איז נוגע עניני בטחון, אבער למעשה איז עס מער א הלכה'דיגע שאלה. די שאלה ווערט ארומגערעדט אין שלחן ערוך אורח חיים סימן רמ"ב. עס איז דא דערינען דיעות אין די פוסקים צי מען מעג נעמען א הלוואה צי נישט. קוק דארט נאך און זעה וואס מען פסק'נט דארט להלכה.

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב גמליאל הכהן ראבינאוויטש פון בני ברק:** עס איז דא א נפקא מינה צי מען איז א בעל חוב פאר אנדערע צי נישט. א בעל חוב דארף ערשט באצאלן די חובות וואס ער איז שולדיג פאר אנדערע און נאכדעם קען ער זיך מתעסק זיין בדבר מצוה. א שיינער רמז דערצו ברענגט דער חיד"א אין זיין ספר דבש לפי [מערכת פ"א ז"ך] אויף די ווערטער וואס עס שטייט אין פרשת משפטים בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו השם אז ערשט דארף מען מקיים זיין דער בפרוע פרעות און שפעטער קען זיין דער בהתנדב עם און נאר דעמאלטס איז ברכו את השם. אבער אויב איז נישט דא קיין חובות, נאר עס איז ענג, לוינט זיך צו זיין מער בדוחק וועגן א מצוה.

**הרב דוד לייפער פון ירושלים:** עס איז זייער א גרויסער זאך צו טון א מצוה אבער בעסער ווי צו נעמען חובות אויף זיך איז צו גיין בעטן הילף ביי אנדערע.

**הרב אריה מרדכי גרינוואלד פון בית שמש:** די בעסטע וועג איז אז מען זאל אנזאמלען געלט אויף די מצוה ביז ווען מען וועט האבן ביי זיך די גאנצע סומע און מען וועט נישט דארפן בארגן. די סארט התנהגות האט מען געזען ביי צדיקים אז זיי האבן זיך אגאנץ יאר געזאמעלט געלט צו קויפן א טייערע אתרוג אויף סוכות.

## א שאלה פאר גליון 95

איך ארבעט זייער שווער זיך צו שטארקן אין אמונה און אין בטחון. איך טו כסדר איבער'חזר'ן אז אלעס איז פון אויבן און אלעס איז לטובה און וואס עס איז אנגעשריבן ביי מיר איז מיינער, אבער ווען איך קוק ארום ביי אנדערע און איך זעה ווי עס גייט זיי גוט, וויאזוי זיי זענען מסודר מיט פרנסה, מיט א דירה אן א גרויסער מארגעדזש אויפ'ן קאפ, ווערט מיר שלעכט אויפ'ן הארצן, עס עסט מיר אויף פארוואס גייט עס ביי מיר אזוי שווער. עס קען זיין אז איך דארף ארבעטן אויף די מידה פון קנאה, אבער עס קומט מיר אן זייער שווער און כ'וואלט געוואלט בעטן אן עצה, וויאזוי קען מען זיך שטארקן אויף די מידה אז איך זאל זיין צופרידן מיט וואס איך האב און נישט קוקן וואס טוט זיך ביי אנדערע.

י.ו. בית שמש

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת דברים. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באשטעלער

איך וויל אויסדרוקן מיין טיפער דאנק פאר די אנפירער פון דער האטליניע. פון ווען עס האט זיך געעפענט הער איך עס בקביעות. איך האב א ספעציעלע הנאה פון די שיעורים פון הרב דוד קלעצקין שליט"א. זיינע שיעורים זענען געשמאק און פול מיט טעם ועל כולם איז עס פול מיט חיזוק ותועלת און עס גייט מיר שטארק אריין אין קאפ.

### מצד די געבער

איך האב תורם געווען פאר 40 שקל לזכות אז איך זאל טרעפן א גוטער דזשאב וואס זאל מיר אריינברענגען פרנסה בשפע. גלייך נאכ'ן תורם זיין האב איך באקומען א טעלעפאן מיט א גוטער פארשלאג. איך האב שוין לאנג געוואלט אריינגיין אין יענער ארבעטס פלאץ אבער ביז היינט האב איך נישט מצליח געווען. נאכ'ן תורם זיין איז עס אנגעקומען און ברוך השם אז איך האב פרנסה בשפע בזכות די הפצה פון אמונה.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |



ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט

קלינגט אריין אין אפיס

02-5866-075

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

## א שמח בחלקו אויך מיט בטלנות

חז"ל זאגן אונז אז איזהו עשיר השמח בחלקו [אבות ד, ה] אז אן עושר איז דער וואס איז צופרידן מיט וואס ער האט. די עבודה פון שמחה, פון זיין פרייליך מיט וואס מען האט, איז אן עבודה וואס באגלייט א מענטש זיין גאנצער לעבן, עס איז אן אנגייענדער פארמעסט. עס גייט אן טאג נאך טאג, רגע ביי רגע.

ווען מען פרעגט א מענטש ווי האלט ער מיט די מדריגה פון 'השמח בחלקו' קרעכצט ער אונטער. ער זאגט אז ער האפט נאך אנצוקומען אהין איין טאג, אבער דערווייל איז ער נאכנישט דארט.

אבער עס איז א טעות! א שמח בחלקו איז מען נישט נאר ווען אלעס גייט אזוי ווי מען וויל, די חכמה איז צו זיין יעצט בשמחה, יעצט זיי פרייליך, אין דיין יעצטיגער מצב, מיט דיין יעצטיגע שטוב, מיט די קינדער וואס דו האסט יעצט, מיט די פראבלעמען וואס פלאגן דיר, מיט דיינע שווערע נאטורן וואס געבן דיר נישט קיין מנוחה, מיט די שוועריגקייטן, מיט זיי בלייב פרייליך און דאנק השי"ת אויף זיי.

אויך ווען מען איז א בטלן דארף מען זיין א שמח בחלקו! עס איז א שווערע זאך צו זיין א בטלן. מען מאכט נאר איין טעות און מען צאלט דערפאר א טייערן פרייז. מען מאכט א שלעכטע דריי און מען טרעפט זיך זיצן אין א שווערע טרעפיק וואס פארפאשטעקט דיין טייערע צייט אויף גארנישט.

און מען הייבט זיך אן צו באקלאגן און באשולדיגן. פארוואס בין איך געווען אזא בטלן? וואו איז געווען מיין שכל? איך וואלט דאך געקענט פארן פון דא און פון דארט. אלעמאל געשעעט עס ביי מיר! אבער ניין! געדענק אז אלעס פירט זיך פון אויבן. דער באשעפער איז דא מיט דיר אין דעם טרעפיק, אין דיין בטלנות.

מיין שכן האט נעכטן חתונה געמאכט און איך האב אינגאנצן פארגעסן פון דעם. אזא בטלן בין איך, איך געדענק שוין נישט אז מיין שכן מאכט חתונה אבער אז מען געדענקט אז אויך בטלנות איז א מתנה פון דעם באשעפער, אז עס איז א תיקון גדול פאר'ן נפש, דרייט מען איבער דער צער און אנשטאט צו באשולדיגן זיך און יעדער ארום לויבט מען השי"ת אויף אלעס.

עס מיינט נישט אז מען מוז זיין א בטלן, אבער אויב מען איז שוין געווען א בטלן זאל מען כאטש זען די גוטסקייט וואס עס איז דא אין דעם.

און אז מען רעדט שוין פון בטלנות לאמיר זיך פארטיפן און וועלן פארשטיין פארוואס האבן מענטשן אזוי פיינט צו זיין א בטלן? ווען מען גייט אריין טיף אין דעם זעט מען אז דער עצם בטלנות טוט נישט אזוי וויי, ווי אז מען האט מורא וואס וועלן אנדערע זאגן ווען זיי וועלן הערן וואספארא גרויסער בטלן איך בין.

עס איז אַן ענין פון כבוד! און דער לעזונג דערצו איז זייער פשוט! מען דארף אריינעמען אין קאפ אריין אז כבוד איז גארנישט. אזוי ארום וועט מען זיך קענען מתגבר זיין אויף דעם און זיין א שמח בחלקו אויך מיט די בטלנות.

די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2 [נאכן אויסוועלן די שפראך]


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה